# שערי תפילה

## מלתא חדתא

מאמרי קודש, שמועסן און דברי תורה
געהערט מפי קדשו פון כבוד קדושת מרן
אדמו"ר רבי **דוד חי אביחצירא** שליט"א

**דברי חיזוק**
**בעבודת הלב - זו תפילה**

ארויסגעגעבן בס"ד דורך מכון 'אור לישרים'
שע"י ישיבת 'אביר יעקב'
און מוסדות 'אור מאיר שמחה' נהריה
תשפ"ו לפ"ק

מהדורת
יאקאבאוויטש

# מלתא חדתא

©
כל הזכויות שמורות
לישיבת **אביר יעקב**
**אור מאיר שמחה נהריה**
רח' אביר יעקב 27
נהריה

נדפס על נייר חו"ל
שאין בו חשש חילול שבת

הארות והערות יתקבלו בברכה
**מכון אור לישרים**
רח' יוסף חכמי 30 ירושלים
פקס: 03-5423180
office@oz-vehadar.com

עימוד ועיצוב:
**שמואל סאמעט**

הפצה והזמנות: 'היכלי תורה'
בארץ ישראל: טלפון: 02-9924603 | פקס: 03-5435884
בארה"ב: טל': 718-437-0054 | פקס: 718-437-3514
באירופה: טל': 44-191-430-0333 | פקס: 44-191-430-0555

# תפילה - דבקות אין באשעפער

## תפילה איז אונזער קשר מיט'ן אויבערשטען

**וְאַתֶּם** הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹקֵיכֶם חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם.

**איידער** מיר הייבן אן רעדן פון תפילה, דארף מען צוערשט פארשטיין דער ענין און סוד פון דביקות און נאנטקייט צום באשעפער. די דביקות ווערט נאר געמאכט דורך דעם כוח פון תפילה, ווייל דער באשעפער האט אונז געגעבן א גוטע עצה זיך צו ספראווען מיט אלעס וואס גייט אריבער אויף אונז, און דאס איז צו רעדן מיט אים און אים בעטן, און מיט'ן כוח פון תפילה קען מען זיך באהעפטן צו אים און איבערדרייען יעדע זאך צום גוטן.

**דער** יסוד פון די ווערטער שרייבט דער הייליגער רבי אלימלך פון ליזענסק ע"ה אין נועם אלימלך (פר' וישלח ד"ה א"י והיה העטופים) אז תפילה איז פון לשון חיבור ווי עס שטייט (בראשית ל ח) "נַפְתּוּלֵי אֱלֹקִים נִפְתַּלְתִּי" און אונקלוס טייטשט אז דאס איז א לשון פון תפילה, און רש"י טייטשט: "מְנַחֵם בֶּן סָרוּק פֵּרְשׁוֹ בְּמַחְבֶּרֶת צָמִיד פָּתִיל" - פארבינדונגען, דורך דעם אויבערשטן בין איך פארבינדן געווארן מיט מיין שוועסטער זוכה צו זיין צו קינדער. ווייל דורך תפילה ווערט מען באהאפטן און פארבינדן מיט'ן באשעפער[א].

## תפילה ברענגט צו דביקות

**דער** הייליגער רבי אלימלך פון ליזענסק ע"ה ברענגט א משל צו א טאטע און זיין זון וואס זענען געפארן ווייט אוועק, און אויפ'ן וועג זענען זיי אדורכגעגאנגען א געדיכטן וואלד וואו עס זענען געוואקסן זיסע און שיינע פרוכטן, האט דער זון געבעטן פון זיין טאטן ער זאל אפשטעלן דעם וואגן ביז ער וועט זאמלען פון די פרוכטן. אזוי זענען זיי דארט געבליבן א לאנגע צייט אבער דער זון איז נישט צוריקגעקומען, ווייל ער האט זיך נישט געקענט אפרייסן פון די הערליכע סצענעס.

**דער** טאטע האט מורא געהאט אז זיין זון וועט נישט טרעפן די וועג צוריק,

---

א. זע וואס ער שרייבט אין ליקוטי שושנה (ד"ה שירו לה'): "יש להשיב כהלכה לאותן שאינם יודעים היאך נענה אדם בתפלה בהתפללו על חולה והוא נתרפא הרי הוא כמו השתנות חלילה אצל הבורא הפשוט האמיתי. אך הענין הוא באמת מפי עליון לא תצא הרעות, רק האדם הוא מקושר בכל העולמות ומחמת חטא הוא נפסק מהקשר עליון ונופל בענין חולי רע רחמנא ליצלן, ואחר שבא הצדיק ומתפלל, הוא מקשר את האדם הזה בשרשו כבתחילה ולכן נקראת תפילה, כי תפילה הוא מלשון התקשרות כמו 'נפתולי' כו', ונמצא ממילא מתרפא. ולפעמים אין מועילו תפילה חלילה, כי יש עליו קטרוג חלילה ואז צריך לקשרו בעולם הגדול הנקרא תהלה, כי תהלה הוא מלשון 'ואחריו תהל אור' כו' (עיין איוב מא י), כי שם הוא רק אור גדול ואין כח בדין לקטרג שם והוא רחמים גמורים ושם נמתק הכל".

האט ער אים געזאגט: איך וועל דיר געבן א גוטע עצה. פון צייט צו צייט שריי "טאטע טאטע", און איך וועל דיר ענטפערן "מיין קינד מיין קינד" מיט א הויכן קול, אזוי וועלן מיר אנהאלטן דעם קשר צווישן אונז מיר זאלן זיך נישט פארלירן. דער קול וואס דו און איך וועלן הערן, וועט האלטן דעם קשר צווישן אונז, און ווען דו וועסט נישט הערן וועסטו פארשטיין אז דו ביסט פארבלאנדזשעט געווארן אין וואלד חלילה.

**דער** נמשל איז זעלבסטפארשטענדליך. מיר ווערן אנגערופן קינדער צום אויבערשטן, ווי עס שטייט (דברים יד א) "בָּנִים אַתֶּם לַה' אֱלֹקֵיכֶם", אבער אויב מיר ווערן חס ושלום פארפלאנטערט אין די תאוות עולם הזה, פארגעסן מיר אז מיר האבן א פאטער אין הימל, דערפאר איז די עצה צו פארשטארקן דעם קשר צווישן אונז און באשעפער דורכ'ן כסדר אויסרופן "טאטע טאטע", שחרית מנחה און מעריב[ב].

### דער אויבערשטער איז אלעמאל נאנט צו אונז

**מיר** זעען לעכטיגע ווערטער אין פסוק "כִּי מִי גוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו" (דברים ד ז), און אין ירושלמי (ברכות פ"ט ה"א) ווערט געברענגט אז די תלמידים פון רבי שמלאי האבן געפרעגט זייער רבי'ן דעם טעם פארוואס עס שטייט אין פסוק "אֱלֹקִים קְרֹבִים" אין לשון רבים, וואס זעט אויס חלילה ווי צוויי רשויות. ער האט זיי ערקלערט אז "קְרֹבִים" אין לשון רבים באדייט אז דער אויבערשטער איז נאנט מיט אלע סארטן נאנטקייטן.

**ווייל** אויב איינער דינט עבודה זרה ח"ו זעט עס אויס נאנט אבער באמת איז עס ווייט, ווייל צום סוף בלייבט ער מיט זיין געטשקע און שרייט ביז'ן טויט און קיינער וועט אים נישט הערן אדער ראטעווען פון זיין צרה. אבער דער אויבערשטער זעט אויס ווייט און עס איז נישטא קיין נענטערער פון אים, ווי לוי האט געזאגט, פון דער ערד ביז'ן הימל איז א וועג פון פינף הונדערט יאר, פון איין הימל צום צווייטן הימל איז א וועג פון פינף הונדערט יאר, און די ברייט פון הימל איז פינף הונדערט יאר, און אזוי צו יעדן הימל און הימל.

**כאטש** דער אויבערשטער איז אזוי ווייט פון זיין וועלט, אבער ווען א מענטש גייט אריין אין שול און שטעלט זיך דאווענען ביים עמוד שטילערהייט הערט דער אויבערשטער זיין תפילה, ווי עס שטייט (שמואל א' א יג) "וְחַנָּה הִיא מְדַבֶּרֶת עַל לִבָּהּ רַק שְׂפָתֶיהָ נָּעוֹת וְקוֹלָהּ לֹא יִשָּׁמֵעַ", דער אויבערשטער האט צוגעהערט איר תפילה. אזוי אויך הערט ער אויס אלע זיינע מענטשן ווי עס שטייט (תהלים קב א) "תְּפִלָּה לְעָנִי כִי יַעֲטֹף", ווי א מענטש וואס שמועסט מיט זיין חבר און ער הערט. צי איז דען דא א גאט וואס איז אזוי נאנט צו זיינע מענטשן ווי דער באשעפער איז נאנט צו אונז ווי א מויל צום אויער?

---

**ב.** ער ברענגט א טעם אויף וואס ער שרייבט אין פרשת וישלח (ד"ה וישלח): "וכבר אמר אנא השם ונשמע קולו (יומא לט:)", אז א מענטש דארף שרייען צום באשעפער זאל אים העלפן ער זאל אים קענען דינען מיט א אמת, און דאן "ונשמע קולו".

### דער באשעפער איז נאנט לויט ווי דער מענטש איז נאנט

**דער** תורת חיים (סנהדרין לח:) ערקלערט די ווערטער פון חז״ל, אז וויבאלד עס זענען פארהאן עטליכע סארטן נאנטקייטן, עס איז דא די נאנטקייט וואס א מענטש האט פון געבורט, ווי א טאטע און מאמע, עס איז דא די נאנטקייט פון א מאן און פרוי, און עס איז דא די נאנטקייט פון חיוב, ווי א קעניג איבער זיינע קנעכט און פאסטוך איבער די שאף. אבער דער באשעפער איז נאנט צו אונז מיט אלע סארטן נאנטקייט, און דער מענטש דארף געדענקען א שטארקן יסוד אז די גאנצע נאנטקייט איז אפהענגיג אין דעם מענטש אליין. לויט ווי דער מענטש רופט צום באשעפער, אזוי וועט דער באשעפער אים ענטפערן. און אויף דעם האט דער פסוק געזאגט ״בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו״, אז אלעס ווענדט זיך וויאזוי מיר רופן אים, און לויט אונזער נאנטקייט וועט דער באשעפער זיך דערנענטערן צו אונז כביכול.

### תפילה און התקרבות צום באשעפער

**אין** פרשת ואתחנן שטייט (דברים ד כט): ״וּבִקַּשְׁתֶּם מִשָּׁם אֶת ה׳ אֱלֹקֶיךָ וּמָצָאתָ כִּי תִדְרְשֶׁנּוּ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ״. מען דארף פארשטיין דעם לשון פון פסוק, וואס אין אנהייב שטייט ״וּבִקַּשְׁתֶּם״ און צום סוף ״כִּי תִדְרְשֶׁנּוּ״ - וואס איז דער חילוק צווישן בקשה און דרישה[ג].

**מ׳קען** ערקלערן דעם חילוק צווישן בקשה און דרישה, אז דער מבקש איז עמיצער וואס האפט צו באקומען א מתנת חנם וואס קומט אים נישט על פי דין, און דער דורש איז דער וואס טענה׳ט אויף א זאך וואס איז זיינס, ווי עס שטייט ביי א פארלוירענע זאך ״וְהָיָה עִמְּךָ עַד דְּרֹשׁ אָחִיךָ אֹתוֹ״ (דברים כב ב), אז דער וואס דער חפץ באלאנגט צו אים פארלאנגט עס צו באקומען בדין. מיט דעם פארשטייט מען דעם לשון ״וּבִקַּשְׁתֶּם״, אז אויב דער מענטש איז דורש קרבת השם מיט א געפיל אז ער איז נישט ראוי לויט זיינע מעשים אבער האפט אז דער באשעפער וועט אים באלייכטן זיין פנים און אים אננעמען, וועט צום סוף זיין ״וּמָצָאתָ״ - אז ער וועט טאקע זוכה זיין צו א נאנטקייט צום באשעפער, און וועט אלעמאל זיין אין דביקות. ער וועט נאכמער ליב האבן דעם אויבערשטען מיט א געפיל פון שייכות צו דער זאך, ביז ״כִּי תִדְרְשֶׁנּוּ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ״, ער וועט פארלאנגען אנצוהאלטן און זוכה צו זיין דערצו ווי איינער וואס טענה׳ט אויף א חפץ וואס איז זיינס.

### א דאווענען בדחילו ורחימו

**דער** גרויסער מגיד רבי דוב בער פון מעזריטש ע״ה (מגיד דבריו ליעקב אות ע״ר), שרייבט: ״כְּשֶׁהָאָדָם לוֹמֵד אוֹ מִתְפַּלֵּל בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ וּמְדַבֵּק וּמְקַשֵּׁר מַחֲשַׁבְתּוֹ בַּבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ וּמְחַשֵּׁב שֶׁ׳מְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ׳ (ישעיה ו ג), וְ׳לֵית אֲתַר פָּנוּי מִינֵּיהּ׳ (תיקו״ז תקון נ״ז צא:)[ד], וְהַכֹּל מָלֵא מֵחִיּוּת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא, נִמְצָא כָּל מַה שֶּׁרוֹאֶה הוּא רוֹאֶה

---

ג. נאך דקדוקים אין דעם פסוק האבן מיר געברענגט אין שער ההכנה לתפילה און אין שער עת רצון עניתיך.

ד. אין תיקוני זוהר: ״אית לבר נש לאמלכא יהו״ה בכל ספירן ובכל כורסיין ובכל מלאכין ובכל אבר ואבר דבר נש, דלית אתר פנוי מניה לא בעלאין ולא בתתאין״.

רַק חִיּוּת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא הַנִּמְשָׁךְ בּוֹ" וְכוּ'[ה]. קומט אויס אז ווען א מענטש לערנט אדער דאווענט בדחילו ורחימו איז ער זיכער פלייסיג און באקומט אסאך שכר, ווייל זיין מחשבה איז נאנט פארבינדן מיט'ן באשעפער, און ער זעט נישט און הערט נישט גארנישט חוץ דער חיות הבורא וואס ליגט אין יעדע זאך. ער פארשטייט אז אלעס איז פון באשעפער, נאר עס איז מלובש אין פארשידענע כלים כביכול, און דאן איז שוין נישט מעגליך ער זאל האבן מחשבות פון תאוות ווייל ער זעט נאר דער חיות הבורא און רוחניות'דיגן תענוג וואס איז דא אין יעדע זאך.

### דביקות און מחשבה

**קומט** אויס אז ווי נענטער דער מענטש איז צום באשעפער, אזוי נעמט ער אראפ פון זיך די וועלטליכע חשבונות און שטותים, און דאס איז א בחינה פון עולם הבא, ווי דער מגיד ערקלערט ווייטער די ווערטער פון גמרא "הָעוֹלָם הַבָּא אֵין בּוֹ לֹא אֲכִילָה וְלֹא שְׁתִיָּה וְכוּ' אֶלָּא צַדִּיקִים יוֹשְׁבִין וְעַטְרוֹתֵיהֶם בְּרָאשֵׁיהֶם וְנֶהֱנִים מִזִּיו הַשְּׁכִינָה", אז דורך "עַטְרוֹתֵיהֶם בְּרָאשֵׁיהֶם" קומען זיי צו "נֶהֱנִים מִזִּיו הַשְּׁכִינָה", דאס הייסט, ווען זיי טראכטן און זענען זיך מתבונן "בְּרֹאשָׁם", אין זייער מחשבה, אין באשעפער וואס איז 'סוֹבֵב כָּל עָלְמִין' ווי א קרוין, פארשטייען זיי אין טיפעניש פון הארצן אז אלעס איז נאר פון באשעפער. אזוי דערגרייכן זיי צו "נֶהֱנִים מִזִּיו הַשְּׁכִינָה", זיי האבן הנאה פון דעם רוחניות'דיגן תענוג וואס איז דער חיות הבורא וואס געפינט זיך אין יעדן ארט.

**און** אויף די סארט דביקות שטייט (דברים ד ד) "וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹקֵיכֶם חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם" ווי די ווערטער פון הייליגן רבי אלימלך פון ליזענסק ע"ה אין נועם אלימלך (שם) "עַל יְדֵי הַדְּבֵקוּת שֶׁתְּדַבְּקוּ עַצְמְכֶם בְּהַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא, יִהְיֶה לָכֶם חַיִּים נִצְחִיִּים גַּם הַיּוֹם בָּעוֹלָם הַזֶּה"[ו].

### א סימן אויב דער באשעפער האט א תענונג פון אונזער דאווענען

**יעדער** איד, מיט זיין עבודה, תורה און תפילה, עבודת הבורא און אנדערע מצוות, ברענגט א גרויסן תענוג און נחת רוח אין הימל. דער קדושת לוי (ד"ה ומראה) האט ארויסגעלערנט פון פסוק "וּמַרְאֵה כְּבוֹד ה' כְּאֵשׁ אֹכֶלֶת בְּרֹאשׁ הָהָר לְעֵינֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" (שמות כד יז) א סימן פאר'ן מענטש וואס וויל וויסן צי דער באשעפער האט א תענוג פון זיין עבודה, אז ער זאל קוקן צי זיין הארץ ברענט טאקע מיט א התלהבות פון אש קודש און רשפי אש שלהבת יה אין עבודת השם און תורה ותפילה, דעמאלט איז זיכער אז דער באשעפער האט א נחת רוח פון זיין

---

**ה.** ער לייגט צו: "דרך משל, אם רואה בני אדם, הוא רואה תבניתם ושומע קולו ודיבורו וחכמתו הוא הכל חיותם הנמשך בו. וכן כל דבר שרואה ושומע, כי בכל דבר יש תבנית ותועלת למה שהוא מסוגל או מראה או ריח, וזהו הכל חיות הבורא יתברך שמו".

**ו.** אזוי אויך ערקלערט ער אין פרשת וירא (ד"ה א"י אשרי): "והשענו תחת העץ (בראשית יח ד), על דרך שאמרו לו 'עולמך תראה בחייך', יש לומר על ידי שיתקדש אדם בקדושה גדולה אזי הוא מרגיש תענוג עולם הבא בחייו. וזה 'והשענו תחת העץ', רצה לומר שתתענגו ותרגישו גודל התענוג שתחת עץ החיים".

עבודה. דערפאר העלפט מען אים פון הימל און מ׳לייגט אריין הייליגע מחשבות אין זיין הארץ[ז], און אויף דעם זאגט דער פסוק "וּמַרְאֵה כְּבוֹד ה׳", דאס הייסט, דער סימן ווען דער מענטש וויל וויסן אויב דער אויבערשטער האט הנאה פון אים, זאל ער קוקן "כְּאֵשׁ אֹכֶלֶת", אויב זיין הארץ ברענט ווי רשפי אש[ח].

## תפילה מיט התלהבות

**דער** הייליגער רבי מנחם מענדל פון דעעש ע״ה, דער בעל מעגלי צדק (ד״ה ומראה) האט צוגעלייגט א טייער ווארט, אז אויב א מענטש דאוונט מיט התלהבות ברבים און בציבור איז דאס נישט אזא גרויסע ראי׳ אז ער מיינט עס ערנסט ווייל אפשר וויל ער זיך אויפטון פאר אנדערע, אבער אויב דאוונט ער ביחידות, צווישן אים און באשפעפר, און דעמאלט ברענט ער אויך ווי א פייער, דעמאלט איז דאס א קלארער סימן און א שטארקער באווייז אז זיין הארץ איז אויפן ריכטיגן פלאץ. דאס איז מרומז אינעם המשך פון פסוק "וּמַרְאֵה כְּבוֹד ה׳ כְּאֵשׁ אֹכֶלֶת", און ווי דער קדושת לוי׳ס פירוש אז אויב איז ער ווי "אש אוכלת" דעמאלט איז "מראה כבוד השם" אז זיין כוונה איז פאר׳ן באשעפער און ער ברענגט א נחת רוח אין הימל, אבער מיט׳ן תנאי אז סיי ווען ער ברענט ווען ער איז בראש ההר - ביחידות, און סיי ווען ער ברענט לעיני בני ישראל - בצבור, איז אלעס גלייך[ט].

## כוונה לשם שמים

**אזוי** אויך קען מען פארשטיין אז נאך אלע הכנות און דעם דערהויבענעם און הויכן מעמד פון קבלת תורה האט דער באשעפער באפוילן פאר משה רבינו ע״ה "עֲלֵה אֵלַי הָהָרָה וֶהְיֵה שָׁם" (שם פסוק יב), און ער האט איבערגע׳חזר׳ט זיין לשון "וֶהְיֵה שָׁם" - מיט׳ן כוונה אז ער זאל זיין דארט גאנצן הארץ ווי אויך דארפן די קבלות זיין בשלימות, און נישט מ׳זאל אנטלויפן פון באשעפער ווען עס קומט אים צו דינען, סיי אין די מצוות און מעשים פון יעדן טאג און סיי בשעת א נסיון. און עס איז באקאנט (אבודרהם דיני שמונה עשרה) אז "תפלה" איז בגימטריא "בכונת הלב", ווייל איינס ווענדט זיך אינעם צווייטן אז דאס דאווענען דארף זיין מיט כוונת הלב, און אזוי אויך די קבלות טובות און תשובה, און נאר ווען די תפילות און קבלות זענען מיט א גאנצער כוונה זענען זיי עולה לרצון.

---

**ז.** זע ענליך צו דעם אין תפארת שלמה באריכות (קרח ד״ה א״י בוקר) אז א מענטש דארף זיך באטראכטן יעדן אינדערפרי וועלכע מחשבה עס קומט אריין די ערשטע זאך, ענינים פון קדושה און עבודת הבורא, אדער פארקערט, און דאס וועט אים ווייזן וואו ער שטייט. דער פסוק ערקלערט (תהלים קיט קמ) "צרופה אמרתך מאד ועבדך אהבה", אז די צירוף און בחינה אויף די מצוות און מעשים טובים פונעם מענטש איז אזוווי די צירוף און בחינה פון חשבון צו וויסן אויב ער האט נישט קיין טעות געמאכט מיטן חשבון, און דער שורש פון די בחינה איז צו זען אויב ס׳איז צוגעקומען אהבה און קדושה און עול מלכות שמים דורך זיין לערנען און דאווענען וואס ער האט געטון במשכ׳ן טאג. דאס מיינט "צרופה אמרתך מאד ועבדך אהבה" אז די עבודות האט אים געברענגט צו די מידה פון אהבה.

**ח.** און דא רעדן מיר פון דעם מלך העולם, דער יודע מחשבות, און מ׳דארף אוודאי זיין אויפריכטיג מיטן

**ט.** אגב קען מען ברענגען נאך א סימן וויאזוי מ׳קען וויסן אויב די כוונות און תפילות זענען לשם שמים, לויטן פירוש פון הרה״ק פון סטרעליסק זצ״ל אויפן פסוק (תהלים נ יב) "אם ארעב לא אומר לך", אז "אם ארעב" - אויב בין איך הונגעריג ביים דאווענען איז א סימן אז "לא אומר לך", עס איז נישט געווען בכוונה.

אויך מיט דער מחשבה, אז ער זאל זיך קאנצענטרירן אין זיין ציל און ער זאל נישט האבן קיין אנדערע מחשבה חוץ קבלת התורה און עס אראפברענגען צו כלל ישראל[י].

**און** אזוי האט דוד המלך ע"ה געזאגט (תהלים כד ג) "מִי יַעֲלֶה בְהַר ה' וּמִי יָקוּם בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ", אז אסאך מענטשן קלעטערן ארויף אויפ'ן לייטער צום הר השם און ווערן נתעורר צו עבודת השם, אבער דער עיקר שאלה איז: ווער וועט זוכה זיין צו בלייבן אויף זיין פלאץ, אנהאלטן זיין קדושה און נישט אראפפאלן פון זיין הויכער מדריגה[יא]. און אויף דעם ענטפערט ער "נְקִי כַפַּיִם וּבַר לֵבָב", נאר ווען די עליה איז לשמה אן קיין אנדערע כוונה חוץ פון מאכן א נחת רוח פאר'ן באשעפער, "וּבַר לֵבָב" אז ער פאראייניגט ביידע הערצער ווי איינס אויסצופירן זיין עבודה, און דעמאלט וועט דער מלאך רע ענטפערן אמן בעל כרחו, און ער וועט בלייבן אויף א הויכע מדריגה[יב].

### התפשטות הגשמיות

**דאס** איז אויך די כוונה פון דעם באפעל צו משה רבינו ע"ה פאר מתן תורה "וְאִישׁ לֹא יַעֲלֶה עִמָּךְ וְגַם אִישׁ אַל יֵרָא בְּכָל הָהָר" (שמות לד ג), א רמז פאר יעדן איד אז ער זאל אראפנעמען פון זיך אלע גשמיות'דיגע לבושים און חשבונות פון מענטשן, און ער זאל מכוון זיין נאר מקיים צו זיין דעם באפעל פון באשעפער[יג]. דער ענין שטייט ביי

---

**י.** ענליך האט געענטפערט הרה"ק רבי יחזקאל פון קאזמיר ע"ה (דברי ישראל משפטים ד"ה עלה) מיט א משל פון א חסיד וואס קומט צו זיין רבי אבער זיין קאפ איז אינדערהיים, דעמאלט ווערט עס בכלל נישט גערעכנט ווי ער איז געקומען, פארדעם שטייט "והיה שם" דווקא, און ווי עס איז באקאנט פון די כתבים פון בעל שם טוב ז"ל אז דארט וואו דער מענטש'ס מחשבה איז דארט איז ער.

איינמאל איז טאקע געווען א מעשה מיט א חסיד פון ר' יחזקאל מקאזמיר וואס האט אים אנגעכאפט א תשוקה דאנערשטאג צו פארן צו זיין רבי אויף שבת, ווייל דעם קומענדיגן דינסטאג איז געווען א יריד אין שטאט און ער האט געוואלט זיין גרייט מיט די סחורה. שפעטער האט ער געזען אז אויב וועט ער זיך געזעגענען פון זיין רבי וועט ער נישט אניאגן דעם יריד, האט ער באשלאסן צו פארן אן זיך געזעגענען. פרייטאג ווען ער איז געקומען נעמען שלום פון זיין רבי האט ער אים באגריסט און געזאגט ער זאל אהיימפארן און נישט זיין ביי אים אויף שבת. דאן האט דער חסיד פארשטאנען אז זיין רבי האט אלעס געזען ברוח קדשו, און געזאגט פארן רבי'ן אז ער איז מוותר אויפן יריד און ער וויל בלייבן אויף שבת. דער רבי האט אים געזאגט אז אויב אזוי קען ער בלייבן אויף שבת, און יענעם שבת האט ער געזאגט תורה אויפן פסוק "עלה אלי ההרה והיה שם".

**יא.** אזוי ערקלערט דער אוהב ישראל (יתרו ד"ה אנכי), און ענליך צו דעם שטייט אין פנים יפות (בחוקותי ד"ה ונתתי).

**יב.** ענליך ווערט ערקלערט אין תהילות ישראל פון דער קאזניצער מגיד ע"ה אויף תהלים (כד ג), עי"ש.

**יג.** אזוי ברענגט דער דגל מחנה אפרים (מטות ד"ה החלצו) בשם זיין מחותן רבי נחום פון רידענקא ע"ה. און ער לייגט צו אויף דעם מהלך "וכל אדם לא יהיה באהל מועד בבואו לכפר בקודש" (ויקרא טז יז), און אזוי אויך דער פירוש אין משנה (אבות פ"ב מ"ה) "במקום שאין אנשים השתדל להיות איש", דאס מיינט מ'זאל זיך אנשטרענגען צו זיין אלעמאל כאילו אין א פלאץ וואו עס זענען נישטא קיין מענטשן. און דאס איז "החלצו מאתכם אנשים לצבא", "החלצו" איז א לשון פון אוועקנעמען, דאס מיינט אז איר זאלט אוועקנעמען די מענטשן נאר צו קעמפן מלחמת השם אין מדין און נישט פאר קיין מענטשליכע סיבה.